בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויצא תשע"ז** **גליון 387 [שנה ט']**

**א נס דארף אויך תפילה**

וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם: (כח יא) זאגט רש"י, וַיִּפְגַּע א לשון תפלה (ירמיה ז טז) וְאַל־תִּפְגַּע־בִּי ותיקן תפלת ערבית. ושָׁנָה הכתוב ולא כתב וַיִּתְפַּלֵּל, ללמדך שֶׁקָּפְצָה לוֹ הָאָרֶץ, (חולין צא:) קומט אויס אז פון דעם ווארט וַיִּפְגַּע לערנט מען ארויס אז יעקב האט מתפלל געווען און אויך האט געהאט קפיצת הדרך, צו פארשטיין די שייכות פון דיביידע לימודים קען מען זאגן א לימוד, אז אפילו יעקב האט געזען אז ער האט געהאט קפיצת הדרך און געזען א גרויסן נס אז ער איז מצליח, פונדעסטוועגן דארף ער אויך מתפלל זיין ווייל אפשר וועט ער יעצט האבן וויניגער זכותים צוליב דעם נס, אזוי ווי יעקב האט געזאגט קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים, (בראשית לב יא) און מען טרעפט ביי אליעזר וָאָבֹא הַיּוֹם אֶל הָעָיִן, (בראשית כד מב) שטייט אז ער האט געהאט קפיצת הדרך, פונדעסטוועגן האט ער אויך מתפלל געווען, און דאס קען מיינען פשט אין סומכין על הנס, אז אפילו דער מענטש זעט א נס האט פאסירט זאל ער זיך נישט פארלאזן אז ער וועט ווייטער מצליח זיין נאר ווייטער מתפלל זיין. (תַּפּוּחֵי חַיִּים – פַּאנֶעט קאַרלְסבּוּרג)

**לוּז וועט אויפשטיין תחיית המתים**

וְאוּלָם לוּז שֵׁם הָעִיר לָרִאשֹׁנָה: (כח יט) עס איז דא א ביין וואס הייסט לוז אדער נסכוי וואס פון דעם ביין וועט דער מענטש אויפשטיין צו תחיית המתים און אין מדרש (בראשית רבה, כ"ח ג) שטייט אז דער ביין קען מען נישט חרוב מאכן, און אין משנה ברורה (ח"ג סי' ש סק"ב) שטייט אז די ביין האט נישט הנאה פון די וועלט נאר פון סעודת מלוה מלכה. דער הקדמה קען מען מרמז זיין אין אונזער פסוק וְאוּלָם לוּז נאר דער ביין וואס הייסט לוּז, שָׁם מיינט דארטן –תָּם מַה הוּא אוֹמֵר מיינט דארטן לעתיד לבא–, הָעִיר א לשון פון אויפוועקן –אָעִירָה שָּׁחַר– לָרִאשֹׁנָה פון דעם ביין וועט זיך אויפוועקן ערשט ביי תחית המתים. (ספר שמח זבולון תשל"ח)

**דרוש צו די אמהות זענען געווען נביאות?**

הַפַּעַם יִלָּוֶה אִישִׁי אֵלַי כִּי־יָלַדְתִּי לוֹ שְׁלֹשָׁה בָנִים עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ לֵוִי: (כט לב) זאגט רש"י הפעם ילוה אשי: לפי שהאמהות "נביאות" היו, ויודעות ששנים עשר שבטים יוצאים מיעקב וארבע נשים ישא, און אז זי האט שוין דריי זין האט זי שוין איר חלק. פרעגט די שפתי חכמים אז עס שטייט אין גמ' (מגילה י"ד.) עס זענען געווען נאר זיבן נביאות: שרה, מרים, דבורה, חנה, אביגיל, וחולדה, ואסתר. איז ווי זאגט רש"י אז די אנדערע אמהות זענען אויך געווען נביאות? און ענטפערט 1] אז די גמ' רעכנט אויס נאר וועמען די תנ"ך איז מעיד אויף זייער נביאות, ווייל אויף שרה איז די תורה מעיד (בראשית כ"א י"ב) כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ, און רש"י זאגט דארטן אז אברהם איז געווען א טפל צו שרה אין נבואה, און דאס זעלבע שטייט גערעכנט אין תנ"ך ביי די אנדערע זעקס זייער נביאה, אבער די אמהות הגם זיי זענען געווען נביאות אבער עס שטייט נישט אין די תורה. 2] און דער מהרש"ל ענטפערט אז די אמהות האבן געזאגט נבואה און האבן געוואוסט וואס גייט זיין נאר וואס איז נוגע פאר זיי אבער די זיבן נביאות האבן געוואוסט נביאות אויף אנדערע מענטשן אויך. (שפתי חכמים) 3] דער הייליגער מהר"ל אין גור אריה זאגט אז די זיבן נביאות האבן געזאגט נביאות פאר כלל ישראל וואס וועט זיין שפעטער אבער די אמהות האבן נאר געזאגט פאר זיך. פרעגט דער משכיל לדוד א קשיא אויף די דריי מהלכים אז עס שטייט ביי רבקה וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם־כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה': וַיֹּאמֶר ה' לָהּ שְׁנֵי גֹיִים בְּבִטְנֵךְ, (כה כב–כג) זעהט מען בפירוש אז רבקה האט אפילו נישט געוואוסט וואס איז נוגע צו איר ווייל זי דארף פרעגן פארוואס ער וויל גיין צו שול און וויל גיין צו ער"ז, שטימט דאך נישט די דריי תירוצים! און וועגן דעם ענטפערט ער א אנדער מהלך אז עס זענען דא צוויי דרגות אין נבואה. און דאס איז קלאר אז כדי צו באקומען נבואה וואס דאס איז השראת השכינה איז נאר דורך מאכן די ריכטיגע הכנה, איז די 7 נביאות און 48 נביאים וואס שטייט אין די גמ', ווען זיי האבן געדארפט א נבואה האבן זיי געמאכט די ריכטיגע הכנה און האבן באקומען די נבואה פון אויבערשטן, אבער די אנדערע הגם זיי האבן זוכה געווען צו די דרגא פון נבואה, אבער פונדעסטוועגן אפילו נאך זייערע הכנה האבן זיי אויך נישט אלעמאל באקומען נבואה. ממילא איז פארענטפערט ביי רבקה אז הגם זי איז געווען א נביאה, אבער נישט אויף די דרגה פון די זיבן וואס נאכן הכנה האבן זיי באקומען די נבואה, דעריבער וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה'. (משכיל לדוד – ר' דוד פארדו)

**פארוואס הייסט ער ראובן?**

וַתַּהַר לֵאָה וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ רְאוּבֵן כִּי אָמְרָה כִּי־רָאָה ה' בְּעָנְיִי: (כט לב) זאגט רש"י וַתִּקְרָא שְׁמוֹ רְאוּבֵן: חז"ל זאגן (ברכות ז:) אמרה "רְאוּ מַה בֵּין" בְּנִי לְבֶן חָמִי שֶׁמָּכַר הַבְּכוֹרָה ליעקב, וְזֶה לֹא מְכָרָהּ לְיוֹסֵף וְלֹא עִרְעֵר עָלָיו: שטייט דא א טעם פארוואס ער הייסט ראובן וועגן ראו מה בן. פרעגן אלע מפרשים פארוואס דארף מען דעם טעם פון "רְאוּ מַה בֵּין" ווען עס שטייט בפירוש אין די תורה וַתִּקְרָא שְׁמוֹ רְאוּבֵן פארוואס ווייל כִּי אָמְרָה כִּי־רָאָה ה בְּעָנְיִי? ענטפערט דער משכיל לדוד אז עס איז מוכרח פון פסוק אז די טעם ראובן איז נישט וועגן כִּי אָמְרָה ווייל ביי די אלע אנדערע קינדער שטייט פריערט א טעם: ביי שמעון שטייט וַתֹּאמֶר כִּי־שָׁמַע ה' כִּי־שְׂנוּאָה אָנֹכִי דעריבער וַתִּקְרָא שְׁמוֹ שִׁמְעוֹן, ביי לוי שטייט , דעריבער עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ לֵוִי, ביי יהודה שטייט וַתֹּאמֶר הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה', דעריבער עַל־כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה. אד"ג. משא"כ ביי ראובן שטייט פריערט וַתִּקְרָא שְׁמוֹ רְאוּבֵן, און נאכדעם זאגט זי כִּי אָמְרָה כִּי־רָאָה ה' בְּעָנְיִי, איז מוכרח אז נישט כִּי אָמְרָה איז די טעם פון נאמען, נאר וועגן עפעס אנדערש דעריבער דרשענט חז"ל וועגן "רְאוּ מַה בֵּין". קומט זיין תלמיד הגאון ר' מאיר דַאנוֹן און זאגט נאך א תירוץ אויף די פריערדיגע קשיא ווייל פון די ווערטער כִּי רָאָה ה' קומט נישט ראובן ווייל אדער ער זאל ער הייסן רָאָה בֶן און נישט רְאוּ בֶן און בכלל וואו איז מרומז די ווארט בֶן אין די ווערטער כִּי אָמְרָה כִּי רָאָה ה' בְּעָנְיִי, דעריבער האבן חז"ל געגעבן די טעם פון "רְאוּ מַה בֵּין" וואס דאס פאסט צו ראובן. (מַשְׂכִּיל לְדָוִד להר' דָּוִד פַּארְדוֹ זצ"ל וספר בְּאֵר בַּשָּׂדֶה לתלמידו הגאון ר' מֵאִיר דַאנוֹן זצ"ל)

**צוויי סארטן מלאכים וואס קומען צו א מענטש**

וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ־בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹקִים זֶה: (לב ב–ג) איך האב געהערט פון הרבני ר' אליעזר העניכבער ז"ל פון מאטטערסדארף –א תלמיד פון רבינו בעל תפארת אהרן זי"ע וואס האט געהערט פון הגאון ר' שמעון סופר אב"ד דק"ק קראקא בעל מכתב סופר ז"ל– וואס האט געזאגט אז עס איז נישט אגרויסע זאך אראפצוברענגן א מלאך דורך זיי באשווערן מיט הייליגע שֵׁמוֹת, אבער עס איז אסאך א גרעסערע חשיבות ווען א מלאך קומט אראפ אליין צום מענטש ע"כ. דאס מיינט דער פסוק וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ, און האט נישט געמאכט עפעס א פעולה כדי אראפצוברענגען די מלאכים און וַיִּפְגְּעוּ־בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים, זיי זענען אליין געקומען, איז וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם, אז זיי שטייען פאר אים, מוזן זיי זיין אֱלֹקִים זֶה, א מחנה וואס דער אויבערשטער האט מיר געשיקט כדי זיך צו ראטעווען פון עשו און לייגן א מורא אויף עשו און זיינע מענטשן. (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"
פרשת ויצא גליון 387

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ט - מה יפית**

א גאר אלטער זמר לליל שב"ק פון אשכנז וואס מען זינגט עס נאך היינט דארט און אין געציילטע חסידישע הויפן ווי אין קארלין, סלאנים, סטרעטין. דער מחבר איז מרמז זיין ר"ת מרדכי בר יצחק חזק און אנדערע זאגן ער האט אויך מחבר געווען מעוז צור ישועתי פון חנוכה. עס איז נישט קלאר ווער ער איז געווען. אין ספר לקוטי דברי יחזקאל החדש ברענגט ער אז דער הייליגער שינאווא רב זצוק"ל האט אמאל געהייסן זינגן דעם מה יפית און דער טעם פארוואס זינגט נישט די וועלט דעם מה יפית איז ווייל דער מחבר ר' מרדכי יפה דער "בעל הלבושים" האט פארלוירן א קינד ל"ע און מען האט אים נישט געברענגט צו קבר ישראל און האט מחבר געווען דעם זמר און ביי חַי זְקוֹף מָך איז דער קינד לעבעדיג געווארן, און געקומען צו זיין טאטע און דארטן איז ער געשטארבן און מען איז געברענגט צו קבר ישראל, און ווייל דער ניגון איז געמאכט געווארן מיט עצבות דעריבער זינגט מען דאס נישט. אין ספר כתבי ר"י שו"ב (עמוד קל"ח-ט) ברענגט ער אז דער זון איז יא געבליבן לעבן דעריבער אלץ זכר פון דעם נס פון תחיית המתים זאל מען זינגען דעם זמר. און עס איז באקאנט אז די גויים האבן אויך געוואוסט דעם נס פון מה יפית. אין קובץ בית אהרן וישראל (קמ"א שנת תשס"ט) איז מוכיח ר' אברהם אביש שור נ"י אז עס קען נישט זיין אז דער מחבר איז געווען דער לבוש ווייל זיין טאטע האט געהייסן ר' אברהם און נישט ר' יצחק, און נאך שטארקער איז די ראיה ווייל מיר טרעפן דעם זמר איז געמאכט געווארן אסאך יארן פריערט וואס דער לבוש איז געבוירן געווארן וצ"ע. נאר עס איז דא א דעה אז דאס איז געווען ר' מרדכי ב"ר יצחק קמחי איינקל פון רד"ק, אנדערע זאגן אז ער איז דערמאנט אין תוספות (נדה דף ל"ו ד"ה הלכתא). דער זמר איז שוין געדרוקט אין פראג שנת ער"ה 1514 און אין ספר לקט יושר עמ' 36 ברענגט אז זיין רבי הר' ישראל איסרלין דער בעל תרומת הדשן פלעגט דאס זאגן ליל שבת, און דער חוות יאיר ברענגט דאס אין זיין ספר מקור חיים סי' רע"ג. (המשך יבא בגליון הבא)

# מדור העובדות

## ר' מאיר'ל פרימישלאן העלפט א ארץ ישראל'דיגע איד חתונה מאכן

א חסיד האט געהערט פון זיין הײלגן רבין דער סבא קדישא -הרה"ק ר' אברהם יעקב מסדיגורא זון פון הייליגן ריזינער זצוק"ל-, "א מענטש זאל נישט אוים נוצן זיין זכות אבות, און בעסער זאל מען זאל נאר נהנה זיין מיגיע כפיו" און דער רבין האט אים אויך דערציילט א מעשה וועגן נישט אוים נוצן א זכות פאר פרנסה: עס איז געווען א איד פון ארץ ישראל וואס איז געווען א דערהויבענער איד אין תורה ויראת שמים וואס האט געהאט דריי טעכטער חתונה צו מאכן. דעמאלטס האט א ארץ ישראל איד געהאט א גרויסער חשיבות, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט אוים נוצן דעם זכות פון ארץ ישראל און האט טאקע פארן ארויספארן פון א"י געשוואוירן ביי די מזוזה אז ער וועט נישט זאגן אז ער איז פון ארץ ישראל חוץ פאר א צדיק וועט ער יא זאגן.

ווען ער איז אנגעקומען קיין סאדיגורא האט דער טאטע דער הייליגער ריזינער אים געגעבן 6 רענדלעך און געשיקט צו זיין מחותן הרה"צ ר' דוד מזַאבְלִיטוֹב דער ברודער פון תורת חיים מקאסוב, און ער האט אים אויך געגעבן 6 רענדלעך און האט אים געשיקט צו הרה"ק ר' מאירל מפרימישלאן. דער איד איז אנגעקומען קיין פרימישלאן און דער גבאי אים נישט געוואלט ארײנלאזן ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט צו געבן פארן רבין. דאס איז געווען דינסטאג און אזוי האט דער איד פרובירט מיטוואך און דאנערשטיג אבער דער גבאי לאזט אים נישט אריין, דערווייל איז ער געזעצן א גאנצן טאג אין שול.

א חסיד אין בית המדרש וואס איז געווען א שניידער האט באמערקט אז דאס איז א דערהויבענער איד און ער פרעגט אים פון וואו ער איז? אבער ער זאגט נישט. פונדעסטוועגן האט דער שניידער אים געבעטן צו ווערן זיין אורח, און האט מסכים געווען, די שטוב מענטשן פון שניידער האבן אויך געזען דעם איידלקייט פון דעם ארץ ישראל איד און האבן אים שיין באדינט און זיך געפרייט מיטן חשובן גאסט. שבת קודש ביים טיש האט ער געזונגען שיינע זמירות און געזאגט דברי תורה און דער שניידער איז ארוים פון התפעלות און שנעל געשיקט רופן זיינע חברים צו זעהן ווי א דערהויבענער איד פירט זיך אויף אין שבת, און אזוי איז געווען שבת בייטאג ביים סעודה.

הרה"ק ר' מאיר'ל האט געזאגט במשך דעם שבת אז ער שפירט די אַוִיר פון ארץ ישראל און דער גבאי איז געגאנגען פרעגן צו עס געפינט זיך דא א איד פון ארץ ישראל? און קיינער האט נישט געוואוסט פון אזא איד. זונטאג אינדערפרי זאגט ר' מאיר'ל צום גבאי דו מוזט מיר טרעפן דעם ארץ ישראל איד ווייל אויב נישט וועל איך דיר שטארק שטראפן! דער גבאי כאפט אן א שרעק, ווער ווייסט צו ער וועט טרעפן דעם איד? ער איז געלאפן צום מארק וואו די וועגענער שטיין און א חסיד דערזעהט דעם גבאי פון רבין און פרעגט וואס טוט דער גבאי פון רבין דא אין מארק און וועמען זוכט ער? האט ער דערציילט אז ר' מאיר'ל זוכט א ארץ ישראל איד און איך האב מורא פון רבין אויב איך וועל אים נישט טרעפן. זאגט אים דער חסיד דו האסט נישט געהערט אז אין הויז פון דעם שניידער איז דא א גאר דערהויבענער איד וואס גאנץ שטאט רעדן! איך האלט אז ער איז זיכער א ארץ ישראל איד.

דער גבאי אָטָאמְט אָפּ גרינגער יעצט און דאנקט אים און לויפט שנעל צום הויז פון שניידער און פרעגט צו זייער אורח איז דא? אבער ווען דער גבאי האט געזען ווער דער אורח איז, איז אים שלעכט געווארן און געחלש'ט, ווען מען האט אים דערמינטערט איז ער צו געגאנגען און געפאלן צום פיס פון אורח און אים איבערגעבעטן וואס ער האט אים מצער געווען און נישט ארײנגעלאזט צום רבין, און ארויסגענומען א פאר רענדלעך און אים געגעבן מפייס צו זיין, דער אורח האט אים מוחל געווען. און האט מודה געווען אז ער איז א ארץ ישראל איד. זאגט דער גבאי אז דער רבי ר' מאיר'ל האט גוזר געווען אויף אים אז ער דארף קומען צו אים. ווען ער איז געקומען צום רבין האט ער אים געגעבן א ווארעמע און פרייליכן שלום עליכם און געזאגט ב"ה איר זענט געקומען ווייל איך ווארט שוין פאר אייך א לאנגע צייט. אין הימל זענט איר זייער חשוב און ווייל איר ווילט נישט נהנה זיין פון מענטשן האט מען מיר געמאכט א שליח אז ווען אייערע טעכטער זענען געבוירן געווארן האב איך געשאפט געלט פאר זייער חתונה. און האט געהייסן ברענגען דעם קאסטן מיט די געלט און געזאגט האסט גענוג געלט פאר אלע דיינע דריי טעכטער. האט אויסגעפירט דער הייליגער סאדיגורא ווייל ער האט נישט גענוצט זיין זכות פון ארץ ישראל האט מען אים געשיקט פון הימל זיע"א.

**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן לפי בקשת הרבים. וועגן שבת קודש. שרייב איך מער נישט קיין פרייזן_**

*א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון נתיבות זיין ספר אמת ליעקב, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות, בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל, ספר אוצר הרבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן, מגן אברהם טריסק, מגן דוד, ברכת דוד טאלנא, מענה לשון זיטאמיר,

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת